Letters 30 Days with Rabbi Shais Taub

LETTER #27: THURSDAY 8 NISSAN - MARCH 30

# Taking a Financial Leap of Faith

*Printed in Igros Kodesh Vol. 18 pp 441-442*

**ו'תתקכב**

By the Grace of G-d
7 Tammuz, 5719
Brooklyn, N.Y.

To the distinguished chassid, yirei Shamayim, and esteemed activist, Rabbi Shlomo [1]

Greetings and blessings,

I have received your letter from 27 Sivan. I am pleased to observe your interest in the work of Lubavitch, which strives to disseminate the light of Torah and *mitzvos* based on *taharas hakodesh*. In connection with the above, you will certainly be interested in receiving the attached copy of a message from *Parshas Behaaloscha*. Hopefully, it will also be of use and be channeled into practical action.

As you mention nothing about matters of health, I assume that all is well, and may it improve from good to better.

Concerning the question of whether it is worthwhile to buy houses as a source of income for Lubavitch House: This depends on the situation of real estate in England at the moment, as well as the conditions of the purchase. If, according to your information, both of these are favorable, may Hashem grant that it will be with great success.

Regarding your question about the stock shares: It seems to me that it is not worthwhile to sell them now at half price, since you have held onto them for such a long time; it is better to hold onto them until you are able to sell them at a profit.

ב"ה,
ז' תַּמּוּז, ה'תשי"ט
בְּרוּקְלִין.

הַוָּתִיק וְחָסִיד אִישׁ יְרֵא אֱלֹקִים נִכְבָּד וְנַעֲלֶה עוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר מו"ה שְׁלֹמֹה שֶׁיִּחְיֶה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה!

אִיךְ הָאבּ בַּאקוּמֶען אַיְיעֶר בְּרִיוו פוּן כ"ז סִיוָן. עֶס פְרֵייט מִיר צוּ זֶען אַיְיעֶר אִינְטֶערֶעס אִין דֶער אַרְבֶּעט פוּן ליוּבַּאווִיטשׁ וָואס שְׁטְרֶעבְּט צוּ פַארְשְׁפְּרֵייטְן דִי לִיכְטִיקַייט פוּן תּוֹרָה אוּן מִצְווֹת עַל טַהֲרַת הַקֹּדֶשׁ. אִין דֶעם צוּזַאמֶענְהַאנְג וֶועט אַיְיךְ זִיכֶער אִינְטֶערֶעסִירְן צוּ בַּאקוּמֶען דָאס בַּיְיגֶעלֶעגְטֶע קָאפִּיֶע פוּן אַ מֶעסֶעדזשׁ פוּן פַּרְשַׁת בְּהַעֲלוֹתְךָ, וָואס וֶועט הָאפְנְטְלֶעךְ אוֹיךְ צוּנִיצְקוּמֶען אוּן פַארְוַואנְדְלְט וֶוערְן אִין מַעֲשִׂים בְּפוֹעַל.

אַזוֹי וִוי אִיר דֶערְמָאנְט נִיט וֶועגְן גֶעזוּנְט, נֶעם אִיךְ אָן אַז דָאס אִיז בְּסֵדֶר, אוּן זָאל גֵיין פוּן גוּט צוּ נָאךְ בֶּעסֶער.

אִין דֶער פְרַאגֶע, אוֹיבּ ס'אִיז כְּדַאי צוּ קוֹיפְן הַיְיזֶער אַלְס אַ מְקוֹר הַכְנָסָה פַאר דֶער ליוּבַּאוִויטשׁ הוֹיז, וֶוענְדט זִיךְ אִין דֶעם מַצָּב פוּן רִיעֶל עֶסְטֵייט אִין עֶנְגְלַאנְד אִין דֶעם מָאמֶענְט, וִוי אוֹיךְ דִי בַּאדִינְגוּנְגֶען פוּנְם קוֹיפְן. אוֹיבּ בֵּיידֶע זַאכְן זַיְינֶען, לוֹיט אַיְיעֶר אִינְפָארְמַאצְיֶע, גִינְסְטִיק, זָאל דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּן אַז עֶס זָאל זַיְין מִיט הַצְלָחָה גְדוֹלָה.

בְּנוֹגֵעַ דֶער שַׁאֲלָה וֶועגְן דִי שֶׁערְס, קוּמְט בַּא מִיר אוֹיס, אַז וִויבַּאלְד אִיר הָאט עֶס שׁוֹין גֶעהַאלְטְן אַזַא לַאנְגֶע צַיְיט, אִיז נִיט כְּדַאי אִיצְט צוּ פַארְקוֹיפְן אוֹיף הַאלְבּ פְּרַיְיז, אוּן בֶּעסֶער הַאלְטְן זֵיי בִּיז מֶען וֶועט קֶענֶען זֵיי פַארְקוֹיפְן מִיט רֶוַח.



SoulWORDS
The Letter is reprinted with permission from Kehot

Concerning the question about relocating your business — whether it would be beneficial to move to a more expensive neighborhood; this would be a larger expense, but the business would have opportunity to expand as a result: My outlook about the need to act in a manner of "and I will walk in a broad expanse" — [meaning] with *breitkeit* [2] — is well-known. Particularly for you, who Hashem gave the merit of having the good idea to undertake responsibility for the expenses of Lubavitch House, it is necessary to expand the channels to receive more blessing and success from Hashem, since a part of your income goes to the mentioned holy cause. Although the guarantee of "Tithe, so that you may become prosperous," is constantly valid, one must do something in a natural manner to broaden the channels and vessels [for receiving the blessings]. May it be Hashem's will that "Changing your location will change your fortunes for goodness and blessings" for the business and you will utilize the profits for good and happy matters, with joy and gladness of heart.

With blessings for great success and good news.

[1] Perin, London. Other letters to him – above #6775, and as noted in the footnotes.
[2] [Editor's note:] "With *breitkeit*" is a term which is challenging to directly translate, but possible meanings include: "with broadmindedness," "with ambition," and "on a large scale."

אִין דֶער פְרַאגֶע וֶועגְן אַרִיבֶּערְקְלַייבְּן דִי בִּיזְנֶעס אִין אַן אַנְדֶער אָרְט, אוּן צִי עֶס לוֹינְט זִיךְ אַרַיינְצוּקְלַייבְּן זִיךְ אִין אַ טַייֶערְן גֶעגְנְד מִיט אַ גְרֶעסֶערֶער הוֹצָאָה, אָבֶּער דֶערְפַאר וֶועט דֶער גֶעשֶׁעפְט הָאבְּן אַ מֶעגְלֶעכְקַייט צוּ פַארְגְרֶעסֶערְן זִיךְ - אִיז דָאךְ בַּאקַאנְט מַיין שִׁיטָה אַז עֶס דַארְף זַיין מִיט "וָאֶתְהַלְּכָה בָרְחָבָה" - מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט. בִּפְרַט, אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַייךְ מְזַכֶּה גֶעוֶוען מִיט דֶעם גוּטְן גֶעדַאנְק צוּ נֶעמֶען אוֹיף זִיךְ דִי פַארַאנְטְוָוארְטְלֶעכְקַייט פַאר דִי הוֹצָאָה פוּן בֵּית ליוּבַּאוויִטשׁ - דַארְף מֶען אוֹיסְבְּרֵייטֶערְן דִי צִנּוֹרוֹת צוּ בַּאקוּמֶען וָואס מֶער בְּרָכָה אוּן הַצְלָחָה פוּן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן, וְוִיבַּאלְד אַז אַ טֵייל פוּן דֶער הַכְנָסָה גֵייט אוֹיף דֶעם דֶערְמָאנְטְן הֵיילִיקְן צְוֶועק. אוּן כָאטשׁ דִי הַבְטָחָה פוּן "עַשֵּׂר בִּשְׁבִיל שֶׁתִּתְעַשֵּׁר" אִיז שְׁטֶענְדִיק גִילְטִיק, דַארְף מֶען אָבֶּער אוֹיךְ טָאן בְּדֶרֶךְ הַטֶּבַע צוּ אוֹיסְבְּרֵייטֶערְן דִי צִנּוֹרוֹת וְכֵלִים. וִיהִי רָצוֹן, אַז עֶס זָאל זַיין מְשַׁנֶּה מָקוֹם מְשַׁנֶּה מַזָּל לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה פַארְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן צוּ פַארְנוּצְן דִי פַארְדִינְסְטְן אוֹיף גוּטֶע אוּן פְרֵיילֶעכֶע זַאכְן בְּשִׂמְחָה וּבְטוּב לֵבָב.

בְּבִרְכַּת הַצְלָחָה גְדוֹלָה וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.

מו"ה שלמה: פערין, לונדון. אגרות נוספות אליו - לעיל ו'תשעה, ובהנסמן בהערות שם.



SoulWORDS
The Letter is reprinted with permission from Kehot

# Moshe & Mashiach

*Printed in Igros Kodesh Vol. 18 pp 515-516*

**ו'תתקפז**

By the Grace of G-d
28 Menachem-Av, 5719
Brooklyn

To the distinguished chassid, yirei Shamayim, esteemed activist, and honest businessman Rabbi Yaakov [1]

Greetings and blessings,

I acknowledge receipt of your letter from 26 Menachem-Av along with its attachment.

[Regarding] what you mention about the saying, “Moshe Rabbeinu will be Mashiach,” which is mentioned in several places, some of which are noted below: [2]

The glaring question on this is obvious: Mashiach descends from David, as is regularly noted throughout [the teachings of] our Sages [for example, with the terms] — “Mashiach, the son of David,” or just, “the son of David.”

Rather, the explanation of this [saying] is that the foremost element of a person, particularly of a Jew, [is his soul.] This applies even more so to tzaddikim about whom it says in the explanation of Iggeres HaKodesh of the Alter Rebbe, Ch. 27, that the life of a tzaddik is not one [characterized by] physicality, but by spirituality, [identified by] belief, fear, and love, etc. See there. Concerning this [idea], the Alter Rebbe writes, “as is known,” indicating that it is a well-known matter.

[Therefore,] it is the presence of Moshe’s soul which is his foremost element; [In clear terms,] this is Moshe. [Thus, being that Moshe’s soul is present in Mashiach, it can be said that Mashiach will be Moshe.]

An example for [the soul’s transcendental independence from the body] is how the body is called a garment to the soul. For a

ב"ה,
כ"ח מְנַחֵם אָב, תשי"ט
בְּרוּקְלִין.

הַוָּתִיק וְחָסִיד אִישׁ יְרֵא אֱלֹקִים נִכְבָּד וְנַעֲלֶה עוֹסֵק בְּצָרְכֵי צִבּוּר מַשָּׂאוֹ וּמַתָּנוֹ בֶּאֱמוּנָה מו"ה יַעֲקֹב שֶׁיִּחְיֶה

שָׁלוֹם וּבְרָכָה!

בַּאשְׁטֶעטִיג דִי עֶרְהַאלְטוּנְג פוּן אַייְעֶר בְּרִיף פוּן כ"ו מְנַחֵם אָב מִיט דָאס בַּייְגֶעלֵייגְטֶע.

וָואס אִיר דֶערְמָאנְט וֶועגֶען דֶעם מַאֲמָר, אַז מָשִׁיחַ וֶועט זַיְין מֹשֶׁה רַבֵּנוּ, וֶוערְט דָאס דֶערְמָאנְט אִין מֶערֶערֶע עֶרְטֶער, ווִי אָנְגֶעצֵייכֶענְט אוּנְטֶען אֵיינִיגֶע פוּן זֵיי*.

סְ'אִיז פַארְשְׁטֶענְדְלִיךְ, דִי שְׁטַארְקֶע קַשְׁיָא אִין דֶעם, אַז מָשִׁיחַ קוּמְט דָאךְ אַרוֹיס פוּן דָוִד, ווִי סְ'אִיז רָגִיל אִין אַלֶע עֶרְטֶער בְּחַזַ"ל, מָשִׁיחַ בֶּן דָּוִד אָדֶער בֶּן דָּוִד סְתָּם.

נָאר דֶער פַארְשְׁטַאנְד אִין דֶעם אִיז, אַז דֶער עִיקָּר פוּן אַ אָדָם, אוּן בִּפְרַט פוּן א אִידְן, אוּן בִּפְרַט נָאךְ בַּא צַדִּיקִים, וָואס אוֹיף זֵיי שְׁטֵייט אִין אִגֶּרֶת הַקֹּדֶשׁ לְרַבֵּנוּ הַזָּקֵן, סִימָן ז"ך, אִין דֶעם בִּיאוּר, שֶׁחַיֵּי הַצַּדִּיק אֵינָם חַיִּים בְּשָׂרִים כִּי אִם חַיִּים רוּחָנִים שֶׁהֵם אֱמוּנָה וְיִרְאָה וְאַהֲבָה כו', עַיֵּן שָׁם. אוּן רַבֵּנוּ הַזָּקֵן שְׁרַייבְּט אוֹיף דֶעם, כַּנּוֹדָע - ווִי אַ עִנְיָן וָואס סְ'אִיז גוּט בַּאווּאוּסְט -

אִיז דָארְטֶען וואוּ סְ'אִיז דִי נְשָׁמָה פוּן מֹשֶׁה, אִיז דָאס דֶער עִיקָּר מֹשֶׁה, דָאס אִיז מֹשֶׁה. אַ בַּייְשְׁפִּיל אוֹיף דֶעם אִיז אוֹיךְ דָאס, וָואס דֶער גוּף וֶוערְט דָאךְ אָנְגֶערוּפֶען, אַ לְבוּשׁ צוּם נֶפֶשׁ, אוּן בַּא דֶעם אָדָם אִיז דָאךְ נִיט נוֹגֵעַ וואוּ עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ זַיְינֶע לְבוּשִׁים, ווִיבַּאלְד אַז עֶר אַלֵיין אִיז דָא, - פַארְשְׁטֵייט זִיךְ, אַז



The Letter is reprinted with permission from Kehot

person, it makes no difference where his garments are; [what is important] is that he is present. As is self-understood, this comparison is not entirely accurate, for the body is unified with the soul, and the soul requires the body to perform a mitzvah; this is in fact what connects them. Nevertheless, it lends some explanation concerning the mentioned matter.

We are approaching the month of Elul, the month of mercy. As explained in Likkutei Torah of the Alter Rebbe, this is when the thirteen attributes of mercy shine, through which [is drawn down] the theme of "Forgiving iniquity, transgression and sin, and He cleanses," which nullifies "(And because of) our sins, (we were exiled from our land)." May it also hasten the arrival of "the first redeemer, who is the final redeemer" — Moshe Rabbeinu, our righteous Mashiach — speedily and actually in our day.

With blessings for good tidings.

[1] Katz, Chicago. Other letters to him – above #6666, and as noted in the footnotes.
[2] Zohar Chadash at the end, in Tikkunim (S.v. "Vayashlicheihu," 110d). Zohar, Bereishis, 25b. Likkutei Torah of the AriZal, Parshas Vayechi, on the verse "Ad ki yavo Shiloh." Sefer HaLikkutim ad loc, and elsewhere.

דֶער פַארְגְלַייך אִיז נִיט אִינְגַאנְצְן אַיינְשְׁטִימִיג, וָוארוּם דֶער גוּף פַארְאֵיינְצִיגְט זִיךְ דָאךְ מִיט דֶער נְשָׁמָה, אוּן אוֹיף טָאן אַ מִצְוָה מוּז דִי נְשָׁמָה אָנְקוּמֶען צוּם גוּף, אוּן דָאס אִיז דָאךְ וָואס עֶס פַארְבִּינְדט זֵיי, אָבֶּער אַ הֲבָנָה אִין דֶעם עִנְיָן הַנַּ"ל גִיט דָאס.

אוּן אַזוֹי וִוי מִיר דֶערְנֶעהנְטֶערְן זִיךְ צוּם חֹדֶשׁ אֱלוּל, חֹדֶשׁ הָרַחֲמִים, אוּן וִוי עֶרְקְלֶערְט אִין לִקּוּטֵי תּוֹרָה לְרַבֵּנוּ הַזָּקֵן, אַז דֶענְסְטְמָאל אִיז מְאִירִים י"ג מִדּוֹת הָרַחֲמִים, וָואס דוּרְךְ זֵיי אִיז דֶער עִנְיָן פוּן נוֹשֵׂא עָוֹן וָפֶשַׁע וְחַטָּאָה וְנַקֵּה, וָואס דָאס אִיז מְבַטֵּל דֶעם (וּמִפְּנֵי) חֲטָאֵינוּ (גָּלִינוּ מֵאַרְצֵנוּ), זָאל דָאס אוֹיךְ מְקָרֵב זַיְין בִּיאַת גּוֹאֵל רִאשׁוֹן הוּא גּוֹאֵל אַחֲרוֹן מֹשֶׁה רַבֵּנוּ מָשִׁיחַ צִדְקֵנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ מַמָּשׁ.

בִּבְרָכָה לִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת.

מו"ה יעקב שי': כץ, שיקגו. אגרות נוספות אליו - לעיל ו'תרסו, ובהנסמן בהערות שם.
*) זהר חדש בסופו בתיקונים (ד"ה וישלחהו. קי, ד). זהר בראשית, כה, ב. לקוטי תורה להאריז"ל פ' ויחי עה"פ עד כי יבוא שילה. ס' הליקוטים שם. ועוד.



The Letter is reprinted with permission from Kehot